


## אַרטיקל וואָס איז ערשינען אין דער אַנגלאָ־אידישער פרעסע נאָך דער פטירה פון הרה"ח ר' שלמה יעקב געלבמאַן ז"ל

בלויז געציילטע טעג נאָך דער פטירה פון הרה"ח ר' שלמה יעקב געלבמאַן ז"ל איז אין דער מאָדערנער אַנגלאָ־אידישער "טאַבלעט מאַגאַזין" — וואָס איז נישט באַקאַנט מיט קיין איבריגע סימפּאַטיע צו סאַטמאַר — ערשינען אַ גאָר פּאָזיטיווע און וואַרעמע אָפּשאַצונג אויפ'ן חשוב'ן נפטר, פון אַ באַקאַנטן פּראָפעסאָר און פאַרפאַסער פון באַרימטע היסטאָרישע ביכער וואָס זענען שטאַרק אָנגענומען אין דער אַלגעמיינער גאַס, מר. דעיוויד מייערס.

מייערס איז אַ רעספּעקטפולער פּראָפעסאָר אין דער פּרעסטיזשפולער "יו.סי.על.עי", אוניווערזיטעט פון קאַליפאָרניע, וואו ער דינט אַלס דער פאָרזיצער פון דער היסטאָריע אָפּטיילונג. פאָרשנדיג אַסאַך איבער דער היסטאָריע פון אידן אין אַמעריקע, האָט דער היסטאָריקער זיך נאַטירליך אָנגעשטויסן אין דער עקסטרע מערקווירדיגער היסטאָריע פון סאַטמאַר, וואָס האָט אין די פאַראייניגטע שטאַטן איבערגעפלאַנצט אָרטאָדאָקסיע גענוי ווי אין דער אַלטער היים אין אונגאַרן. אין די ראַמען פון זיין פאָרש־אַרבעט, און זוכנדיג פעדימער צו פאַרשטיין סאַטמאַר און איר היסטאָריע, האָט דער פּראָפעסאָר געפינען די ספרים פון ר' שלמה יעקב ז"ל, און פון דאַן אָנגעקניפּט מיט אים אַ שטאַרק נאָענטע באַציאונג.

דער פּראָפעסאָר איז געוואָרן אַזוי באַאיינדרוקט פון ר' שלמה יעקב, נאָכ'ן שאַפן דעם ערשטן קשר, אַז ער האָט באַשלאָסן אַליין אַראָפּצוקומען קיין קרית יואל, וואו ער האָט פאַרבראַכט לאַנגע שטונדן מיט ר' שלמה יעקב, נישט קענענדיג זיך גענוג אָפּוואונדערן פון זיין אומערשעפּבאַרן קוואַל און פענאָמענאַלן זכרון נפלא, ווי ער האָט געשפּרודלט מיט וויסנשאַפט און ידיעות, און אַלעס איז באַגלייט פון גענויע דאַטומס און קלאָרע דאָקומענטאַרישע איבערווייזן.

דאָס האָט זיך איבערגע'חזר'ט צענדליגער מאָל, ווען דורכאויס איינע פון די באַזוכן איז ער אפילו אַראָפּגעקומען צו אונז אין "דער איד" אָפיס, וואו ער האָט פאַרברענגט מיט דער רעדאַקציע שטאַב, ווענלדיג הערן מער איבער אונזער צייטונג וואָס איר היסטאָריע לויפט כמעט פּאַראַלעל מיט דער היסטאָריע פון דאָס יהדות החרדית אין אַמעריקע.

טראָץ וואָס די קינדער און נאָענטע האָבן געוואוסט איבער דעם קשר פון דעם פּראָפעסאָר מייערס מיט ר' שלמה יעקב ז"ל, איז עס פּאָרט געקומען ווי אַ שטאַרקע איבערראַשונג, אַז ער זאָל זיך נעמען די מי און אָפּשרייבן אַזאַ שיינע אויפריכטיגע הערכה, און עס דערנאָך פאַרעפנטליכן פאַר דער אַלגעמיינער אידישער גאַס, וואָס האָט עפ"י רוב אַ נעגאַטיוון בליק אויפ'ן יהדות החרדית, וואָס שטודירט נישט קיין אַלגעמיינע לימודים און אַלע זייערע ידיעות קומען בלויז פון דער תורה הק'.

דורכאויס די שורות פון דעם אַרטיקל מערקט זיך שטאַרק די טיפע שעצונג פון דעם הויך־געבילדעטן פּראָפעסאָר — וואָס האָט שטודירט אין די גרעסטע אַמעריקאַנער קאַלעדזשעס ווי יעיל, קאָלאָמביע און האַרוואַרד — צו דער ברייטער וויסנשאַפט און הפלא'דיגע כשרונות פון דעם איש האשכולות הר"ר שלמה יעקב ז"ל, וואָס האָט אָן קיין שום אַלגעמיינע ערציאונג דערגרייכט צו די העכסטע ראַנגען פון היסטאָריע פאָרשער, און אַהערגעשטעלט אַזעלכע וואונדערבאַרע קוואַליטעט ווערק, וואָס ווערן אפילו אין דער פרעמדער גאַס באַטראַכט אַלס די אויסשליסליכע אָקוראַטע און אויטענטישע היסטאָריע פון סאַטמאַר אין אַמעריקע.

צוליב דעם העכסט אינטערעסאַנטן און אָריגינעלן כאַראַקטער פון דעם אַרטיקל, וואָס גיט דעם "בליק פון אינדרויסן" אויף דעם אומפאַרגעסליכן מברר מקחו של צדיק, זעצן מיר דאָס איבער אין אַ לייכטער אידישער איבערזעצונג פאַר אונזערע חשוב'ע לייענער.

# דער היסטאָריקער און אַרכיוויסט פון סאַטמאַר

### ר' שלמה יעקב געלבמאַן איז געווען אַ זעלבסט־אויסגעבויעטער היסטאָריקער און שריפט־שטעלער

**פון: פּראָפעסאָר דעיוויד מייערס**

דעם פאַרגאַנגענעם שבת איז געווען די פטירה פון איינעם פון די מערסט וואונדערבאַרע און זעלטנסטע אידישע היסטאָריקער פון אונזערע צייטן — טראָץ וואָס ער איז געווען כמעט גענצליך אומבאַקאַנט פאַר'ן אינטעלעקטועלן קרייז פון אוניווערזיטעט־טרעגירטע געלערנטע לייט.

הרב שלמה יעקב געלבמאַן איז געווען דער אַלץ־ווייסנדער און פרוכטבאַרער ביאָגראַפיסט פון דער סאַטמאַרער חסידי'שער באַוועגונג און איר גרינדער, דער סאַטמאַרער רבי [מרן רביה"ק] יואל טייטלבוים [זי"ע], וועלכער איז נסתלק געוואָרן אין יאָר תשל"ט.

ער האָט געוואוינט אין קרית יואל, ניו יאָרק, דאָס סאַטמאַרער "שטעטל", געגרינדעט דורכ'ן סאַטמאַרער רבי'ן, וואָס איז לעגאַל אַנערקענט געוואָרן אַלס ווילעדזש אין ניו יאָרק מיט 38 יאָר צוריק.

געלבמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 52' [למס'] אין ארץ ישראל, אָבער שוין אַלס קינד איז ער אָנגעקומען צו די פאַראייניגטע שטאַטן, וואו ער האָט געלערנט אין דער סאַטמאַרער ישיבה אין באָראָ פּאַרק. ער איז געווען איינער פון די ערשטע סאַטמאַרער תושבים וואָס האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דעם נייעם ישוב אין טאַון אוו מאָנראָו אין יאָר 74' [למס'], וואָס איז געווען פּלאַנירט, געקויפט, און אויפגעבויעט דורך פאַרבינדעטע פונעם סאַטמאַרער רבי'ן — און וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס "קרית יואל" אויף זיין נאָמען.

ציענדיג כסדר צווישן קרית יואל און ברוקלין, די צוויי צענטערן פון דער סאַטמאַרער וועלט, האָט הרב געלבמאַן זיך איינגעשאַפט אַ רעפּוטאַציע אַלס דער אויסשליסליכער, מערסט וויסנשאַפטליכער אויטאָריטעט ווען ס'איז געקומען צו היסטאָריע פון דער סאַטמאַרער חסידות, און גלייכצייטיג אויך אַלס דער געשמאַקער באַליבטער רעדנער ביי אַלע סאַטמאַרער פונקציעס, אַ שטייגער ווי די יערליכע יום הצלה פייערונג פאַר טויזנטער אין טאָג פון כ"א כסלו, וואָס צייכנט אָפּ דעם סאַטמאַרער רבי'נס באַפרייאונג פון די נאַצישע האָרדעס.

מיט זיין טראַדיציאָנעלער ישיבה ערציאונג, און קיין שום צייכן אָדער פאָדעם פון אַן אַלגעמיינער אוניווערזיטעט טרענירונג, איז געלבמאַן וואונדערליך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מייסטער היסטאָריקער.

אַ הויפּט שליסל מתנה וואָס ער האָט פאַרמאָגט איז געווען זיין ענציקלאָפּעדישער — און פאָטאָגראַפישער — באַקאַנטשאַפט אין לעבן און שאַפן פון סאַטמאַרער רבי'ן און די סאַטמאַרער געמיינדע. ווען איינער האָט גערעדט מיט אים, האָט זיך געקענט קלאָר דאַכטן, אַז הרב געלבמאַן ווייסט גענוי וואָס דער סאַטמאַרער רבי האָט געטון, ממש יעדן טאָג פון זיין לעבן פון נאָך זיין בר מצוה... ער האָט געקענט פאַרציילן נישט נאָר פונקטליך וואו דער רבי איז געווען צו יעדער צייט, נאָר אפילו אידענטיפיצירן די אַלע מיט וועלכע ער האָט געדאַוונט, גערעדט, פאַרברענגט און זיך מתווכח געווען צו יעדער פונקט פון צייט אין זיין גלאָררייכן לעבן.

הרב געלבמאַן האָט געהאַט אַ מיסיע — און דאָס איז געווען צו זאַמלען אַ שלימות'דיגע היסטאָריע פון סאַטמאַר. צו דערגרייכן דעם ציל האָט ער האָט געהאַט אַ גלאָבאַלן נעץ פון זאַמלערס און קאָלעקטאָרס איבער דער וועלט וואָס האָבן געזוכט סיי וועלכע דאָקומענטן בשייכות מיט דער היסטאָריע פון סאַטמאַר און דאָס לעבן און שאַפן פון איר מנהיג, דער סאַטמאַרער רבי. ביי דער ענדע פון זיין לעבן, האָט הרב געלבמאַןווירקליך פאַרמאָגט אַ זעלטענעם אוצר פון הונדערטער טויזנטער דאָקומענטן, שריפטן און אינפאָרמאַציע-קוועלער פון ריזיגע אַרכיוון ווי פון קליינע פּריוואַטע קאָלעקציעס.

כאָטש זיין ערשטע פאָרגעצויגענע שפּראַך איז געווען אידיש, זענען רוב פון זיינע ווערק געשריבן אויף העברעאיש, אָדער ווי די סאַטמאַרער ווען עס רופן: "לשון הקודש", אָפּצוטיילן די טראַדיציאָנעלע אָריגינעלע שפּראַך פון דער מאָדערנער איזראַעלישער ווערסיע. זיין גרעסטע ווערק איז די ניין בענדדיגע ביאָגראַפיע פון (מרן רביה"ק) יואל טייטלבוים (זצ"ל), "מושיען של ישראל". אָנגעהויבן מיט דעם ערשטן באַנד וואָס נעמט אַרום דעם רבי'נס אָפּשטאַם און ערשטע קינדער יאָרן אין אונגאַרן, האָט געלבמאַן אומערמידליך און ענערגיש נאָכגעפאָרשט די לערעס און באַוועגונגען פון הרב טייטלבוים ביז צו באַנד נומער 9 [חלק ט'], וואָס הייבט זיך אָן אין ארץ ישראל אין יאָר 46', וואו דער סאַטמאַרער רבי האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ קורצע צייט נאָכ'ן קריג. אין דער נאָענטער צוקונפט דאַרף ערשיינען נאָך אַ באַנד, וואָס לויפט דורך דעם אַמעריקאַנעם קאַפּיטל אין סאַטמאַרער רבי'נס לעבן, וואָס וועט ווערן נאָכגעפאָלגט פון פיר פרישע בענדער איבער סאַטמאַר אין אַמעריקע.

די וואָס זענען באַקאַנט מיט געלבמאַנ'ס אַרבעט ווייסן אויך פון זיין איין-באַנד ספר מיט דער היסטאָריע פון קרית יואל, אונטער'ן נאָמען "רצון צדיק", וואָס איז דער איינציגסטער און בעסטער קוואַל פון אינפאָרמאַציע ביז'ן היינטיגן טאָג איבער דער היסטאָריע פון קרית יואל'ס שאַפונג און ערשטע יאָרן פון עקזיסטענץ. ס'אַנטהאַלט וויכטיגע דאָקומענטאַרישע מאַטעריאַל איבער די סודות'פולע באַמיאונגען פון די סאַטמאַרער חסידים, אונטער דעם רבי'נס אָנווייזונגען, צו קויפן לאַנד פאַר זייער געמיינדע, אָן אַנטפּלעקן פאַר די גאַס ווער זיי זענען. אויך

[פאָרזעצונג אויף זייט 73]